# מגדים של זהב

על דרך הפלפול והחידוד

שנת תשפ"ד - גליון קכב

## פרשת חיי שרה

בענין

קושית התוספות על רב כהנא שאמר 'חציף עלי מאן דמצלי בבקתא', הא כתיב כבפרשתינו ויצחק יצחק לשוח 'בשדה'

**וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה גְמַלִּים בָּאִים:** (בראשית כד, סג)

### גמרא מסכת ברכות

שטייט אין **גמרא מסכת ברכות** (לד, ב): **אמר רב כהנא, חציף עלי מאן דמצלי בבקתא** - פירוש: רב כהנא האט געזאגט אז עס איז א חוצפה אין מיינע אויגן ווען איינער דאווענט אין א 'שדה', דהיינו א מקום פרוץ אן קיין מחיצות, און רש"י איז מסביר דארט די טעם: **שכשהוא במקום צניעות חלה עליו אימת מלך, ולבו נשבר** - פירוש: ווען איינער דאווענט אין א אפענע פלאץ אן קיין מחיצות, פעלט פון די אימת המלך, משא"כ ווען איינער דאווענט אין א פלאץ ווי עס איז דא מחיצות, איז דעס גורם אז ער זאל האבן אימת המלך, און א לב נשבר ווען ער גייט דאווענען.

### קושית התוספות

**תוספות** דארט (ד"ה חצוף עלי) פרעגט זייער א שטארקע קשיא אויף דער דין פון רב כהנא, וזה לשונו: **ואם תאמר, הכתיב וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה** - פירוש: ווי אזוי קען רב כהנא זאגן אז עס א חוצפה צו דאווענען אין א 'שדה', אין די תורה שטייט דאך קלאר אז יצחק אבינו האט געדאווענט אין א פעלד, אזוי ווי די תורה שרייבט קלאר 'ויצא יצחק לשוח בשדה'?

### תירוצו הראשון של התוספות

**תוספות** ענטפערט אויף דער קשיא צוויי תירוצים, די ערשטע תירוץ ענטפערט תוספות זייער א סתומ'דיגע תירוץ, וזה לשונו: **י"ל דהתם איירי בהר המוריה כדאמרינן בפסחים פרק האשה** (דף פח, ע"א) **לא כיצחק שקראו שדה וכו'** - פירוש: דעס וואס די פסוק זאגט ויצא יצחק לשוח 'בשדה' רעדט מען נישט פון סתם א 'שדה', נאר מען רעדט פון די הר המוריה, אזוי ווי די גמרא זאגט אין מסכת פסחים, אז יצחק האט אנגערופען די הר המוריה מיט די לשון 'שדה', און וויבאלד מען רעדט פון נישט סתם א שדה נאר פון די 'הר המוריה' ווערגן דעם איז שוין נישט שווער די קשיא פון תוספות.

אבער די שווערקייט איז מבואר, וואס האט דא תוספות געענטפערט?

### ביאורו של הב"ח בתירוצו של תוספות

די **ב"ח** (או"ח סימן צ אות ד) ברענגט דער תירוץ פון תוספות, און ער לייגט צו א תוספת הסבר, וזה לשונו: **כלומר, שנקרא בשם שדה אבל לא היה פרוץ, אלא מוקף מחיצות** - פירוש: די ב"ח איז מסביר, אז על פי פשטות ווען מען לערנט די פסוק ויצא יצחק לשוח בשדה, איז משמע אז יצחק האט געדאווענט אין א פעלד, וואס בפשטות מיינט עס אז עס איז געווען א פלאץ וואס האט נישט געהאט קיין מחיצות, און וועגן דעם האט תוספות געפרעגט, ווי אזוי קען רב כהנא זאגן אז מען טאר נישט דאווענען אין א פלאץ וואס האט נישט קיין מחיצות, אין די תורה שטייט דאך קלאר אז יצחק האט יא געדאווענט.

קומט תוספות און ענטפערט, אז דעס וואס עס שטייט אז יצחק האט געדאווענט אין א 'שדה' מיינט נישט א פשוט'ע שדה, וואס דעס איז טאקע א פלאץ וואס האט נישט קיין מחיצות, נאר דא רעדט מען אז יצחק האט געדאווענט אויף די 'הר המוריה', און זיכער האט ער געדאווענט דארט אויף א פלאץ וואס האט געהאט מחיצות, און דעס וואס וואס די פסוק זאגט 'שדה', מיינט נישט פסוק צו זאגן אז עס איז נישט געווען קיין מחיצות דארטן, דארט יצחק אבינו האט אנגערופן דעם הר המוריה בלשון 'שדה', אבער לעולם איז געווען דארט מחיצות.

### ביאורו של הלבוש בתירוצו של התוספות

די **לבוש** (שם בסימן צ ס"ה) איז מבאר דער תירוץ פון תוספות מיט א נייער פשט, וזה לשונו: **ולא יתפלל במקום פרוץ כמו שדה** - א מענטש זאל נישט דאווענען אין א אפענע פלאץ, אזוי ווי למשל א פעלד, **מפני כשהוא במקום צנוע חלה עליו יותר אימת המלך ולבו נשבר** - ווייל ווען א מענטש דאווענען אין א פארמאכטע פלאץ, איז חל אויף אים אן אימה פונעם אייבישטער, און זיין הארץ ווערט צובראכן, און אזוי איז די ריכטיגע וועג ווי אזוי מען גייט צו צי א דאווענען, משא"כ אויב מען דאווענט אין א אפענע פלאץ, האט מען נישט דער מעלות.

און די לבוש איז ממשיך: **ואף על גב דכתיב 'ויצא יצחק לשוח בשדה', ואמרו** (ברכות כו, ב) **שיצא להתפלל** - פירוש: די לבוש ברענגט אראפ די קשיא פון תוספות, ווי אזוי קען רב כהנא זאגן אז מען טאר נישט דאווענען אין א שדה, מען זעהט דאך קלאר אין די פסוק אז יצחק האט יא געדאווענט אין א שדה, ענטפערט די לבוש די תירוץ פון תוספות, בְּתּוֹסֶפֶת ביאור: **שאני התם שהיה הר המוריה 'אשר היה נעקד שם, ובוודאי נכנע בשברון לבו ואימת מלכו יתברך, בזוכרו עקידתו אשר הצילו ממנה** - פירוש: די לבוש איז מבאר, אז די גאנצע טעם פארוואס מען דארף דאווענען אין א מקום וואס איז מוקף במחיצות, איז כדי מען זאל צו קומען צו 'אימת המלך' ו'ללב נשבר', זאגט די לבוש, אז דא איז דאך יצחק אבינו געווען אויף די הר המוריה, די פלאץ ווי עס איז פארגעקומען די עקידה, און אודאי האט חל געווען אויף יצחק דער 'אימת המלך', און 'לבו נשבר', אפילו עס איז געווען א מקום פרוץ אן קיין מחיצות, און וועגן דעם איז נישט שווער פון יצחק, ווייל לעולם אין א פשוטע שדה טאר מען נישט דאווענען, אבער יצחק אבינו בהר המוריה האט נישט געהאט די פראבלעמען וואס א פשוט'ע שדה האט, און ער האט יא געמעגט דארט דאווענען אפילו עס האט נישט געהאט קיין מחיצות.

### תירוצו השני של התוספות

אין די צווייטע תירוץ שרייבט תוספות: **אי נמי, בקתא דהכא מיירי בבקעה במקום שרגילין שם בני אדם לעבור והולכי דרכים** - פירוש: תוספות איז מחלק צווישען די 'שדה' וואס רב כהנא רעדט, מיט די 'שדה' וואס יצחק האט געדאווענט. די שדה וואס רב כהנא רעדט, איז אזא סארט שדה וואס די דרך פון מענטשען מיט הולכי דרכים איז אריבער צו גיין דארט, און אויף אזא אופן האט רב כהנא געזאגט אז מען טאר נישט דארט דאווענען, און 'חציף עלי מאן דמצלי בבקתא', משא"כ יצחק אבינו האט געדאווענט אין אזא סארט שדה וואס האט נישט געהאט קיין הולכי דרכים דארטן, און וועגן דעם איז עס נישט געווען אסור.

תוספות דא האט געשריבן א שיינער 'חילוק' פון די צוויי סארטען שדות, אבער תוספות האט נישט געשריבן וואס איז די 'מחלק' פון דער צוויי, פארוואס איז איינס אסור און די צווייטע איז מותר.

איז אין די תירוץ פון תוספות קריגן זיך ארום די מפרשים וואס תוספות האט געענטפערט.

### ביאורו של הבית יוסף בתירוצו של התוספות – וקושיתו

די **בית יוסף** (סימן צ שם) האט פארשטאנען אז תוספות אין די צווייטע תירוץ לערנט אפ א נייער פשט אין די טעם פארוואס 'חציף עלי מאן דמצלי בבקתא', אין די קשיא פון תוספות, האט תוספות געלערנט אזוי ווי רש"י איז מפרש די גמרא, אז די טעם פארוואס מען טאר נישט דאווענען אין א שדה איז וויבאלד דארט איז נישט דא די מעלות פון 'אימת המלך', און 'לבו נשבר'. און ביי די צווייטע תירוץ איז תוספות מבאר א נייער טעם פארוואס מען מעג נישט דאווענען אין א שדה, און די טעם איז, וויבאלד אין א שדה איז דאך כסדר דא 'הולכי דרכים', און די הולכי דרכים וועלן אים שטערן פון מכוון זיין ביים דאווענען, און וועגן דעם איז אסור צו דאווענען דארט. און מכח זה זאגט תוספות, אז יצחק אבינו האט געדאווענט אין אזא סארט שדה וואס עס זענען נישט געווען דארט קיין הולכי דרכים, און עס איז נישט געווען קיין חשש אז מען גייט אים מפסיק זיין פון דאווענען, וועגן דעם האט יצחק געמעגט דארט דאווענען.

קומט אבער די בית יוסף אין פרעגט אויף דער תירוץ: **ותימה! דלתירוץ שני משמע דהוי טעמא כדי שלא יפסיקוהו עוברי דרכים, ואין זה טעם לקראו חצוף** - פירוש: לויט דער הסבר פון תוספות, איז שווער צו פארשטיין פארוואס רב כהנא זאגט **'חציף עלי'** מאן דמצלי בבקתא, ווייל בשלמא לויט די ערשטע וועג - און ווי מען לערנט בפשטות אין די גמרא - אז די טעם פארוואס מען מעג נישט דאווענען אין א שדה ווייל דארט האט עס נישט די מעלות פון 'אימת המלך', ו'לבו נשבר', שטימט זייער גוט פארוואס רב כהנא האט געזאגט 'חציף עלי' איינער וואס דאווענען יא אין א שדה, ווייל א מענטש וואס דאווענט אין שדה ווייזט אז ער האט נישט קיין אימת המלך, אבער לויט די צווייטע תירוץ פון תוספות, אז עס איז דא א נייער טעם - כדי די הולכי דרכים זאלן אים נישט מפסיק זיין - איז לכאורה נישט שייך די לשון 'חציף עלי', ווייל דער מענטש דאווענען ווייטער באימת המלך, און מיט א לב נשבר, נאר עס איז דא א זייטיגע פראבלעם אז די הולכי דרכים זענען אים מפסיק פון מכוון זיין ביים דאווענען, אבער די לשון 'חציף עלי' שטימט נישט לויט דער תירוץ. און די בית יוסף בלייבט מיט א קשיא.

### ביאורו של הב"ח בתירוצו של התוספות

די **ב"ח** (שם) ברענגט אראפ דער צווייטער תירוץ פון תוספות, און ער איז מבאר די כוונה פון די תוספות אנדערש ווי די בית יוסף, און לויט דעם שטימט זייער גוט די לשון פון רב כהנא 'חציף עלי', וזה לשונו: **נראה דרצונם לומר, דכיון שרגילין שם לעבור, ואף על פי כן לא חשש לבני אדם רואין אותו מתפלל, נקרא חצוף, לפי שאינו חושש להצנע לכת עם אלהיו שיהא נכנע לפניו, אבל יצחק היה מתפלל בשדה שלא עבר לשם אדם מעולם, וחשיב כאילו היה במקום נסתר** - פירוש: די ב"ח איז מסביר, אז תוספות ביי די צווייטער תירוץ קומט נישט מחדש זיין א נייער טעם פארוואס מען טאר נישט דאווענען אין א שדה, נאר די טעם איז די זעלבע ווי פריער, אז עס פעלט אין די 'הצנע לכת', און די 'אימת המלך' און די 'לבו נשבר' ווען מען דאווענט אין א שדה, נאר תוספות איז מחדש א נייער סיבה פארוואס עס פעלט אין די הצנע לכת, און דער סיבה איז, וויבאלד א מענטש דאווענעט אין א שדה וואס איז דא דארט הולכי דרכים, וואס גייען דארט אריבער, פעלט אין דעם הצנע לכת ווען איינער שטעלט זיך דארט דאווענען, אין וועגן דעם האט רב כהנא געזאגט אז 'חציף עלי מאן דמצלי בבקתא', ווייל ער נעמט פון זיך אראפ די 'אימת המלך'. איז לפי זה איז תוספות מסביר, אז יצחק אבינו האט געדאווענט אין אזא סארט שדה וואס האט נישט געהאט קיין הולכי דרכים, איז ביי אים איז נישט געווען קיין שום פראבלעם צו דאווענען אין א שדה, ווייל א שדה אן קיין הולכי דרכים ווערט גערעכנט אזוי ווי א מקום נסתר.

### תירוצו של הב"ח על קושית התוספות

דער **ב"ח** בהמשך דארט שרייבט אן אייגענעם תירוץ אויף די קושיא פון תוספות, וזה לשונו: **ונראה עוד לתרץ קושיית התוספות, דיצחק לא היה מתפלל במקום פרוץ 'אלא בין האילנות' היה מתפלל, וזהו שאמר הכתוב 'לשוח', ולא אמר 'להתפלל' לשון המיוחד לתפילה, אלא אמר 'לשוח', דמשמע נמי שהתפלל 'בין השיחים', מסתתר ביניהם**

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com

**בשעת תפילה - פירוש**: די ב"ח שטעלט זיך אויף די לשון הפסוק וַיֵּצֵא יִצְחָק 'לָשׂוּחַ' בַּשָּׂדֶה, לכאורה וואלט געדארפט שטיין וַיֵּצֵא יִצְחָק 'לְהִתְפַּלֵּל' בַּשָּׂדֶה, פארוואס שרייבט די פסוק די לשון פון 'לשוח', די פסוק וואלט געדארפט שרייבן קלאר 'להתפלל', נאר זאגט די ב"ח, אז די שלום 'לשוח', איז מלשון הפסוק (בראשית כא, טו) **וַתַּשְׁלֵךְ אֶת הַיֶּלֶד תַּחַת אַחַד הַשִּׂיחִם**, וואס שיחים איז די טייטש:ביימער. לפי זה איז די ב"ח מסביר, אז די כוונה פון די פסוק ויצא יצחק 'לשוח' בשדה מיינט, אז יצחק איז געגעגען דאווענען ציווישן די ביימער, און וועגן דעם איז נישט געווען די פראבלעם וואס איז דא ביי א שדה, ווייל ציווישען די ביימער איז דאך א מקום סגור, און עס איז דא די מעלות פון 'אימת המלך', און 'לבו נשבר'.

## תירוצו הראשון של השואל ומשיב על קושית התוספות

די גרויסע גאון און פסוק **רבי יוסף שאול נתנזון זצ"ל** די **'שואל ומשיב'**, און זיין ספר **מגן גיבורים** אויף שולחן ערוך, און סימן צ' סעיף ג', שרייבט א הפלא'דיגע תירוץ אויף די קשיא פון תוספות, וזה לשונו: **התוספות בברכות דף לד, ב, ד"ה חציף הקשו, הא כתיב ויצא יצחק לשוח בשדה, ולפי עניות דעתי נראה, דהא כל הטעם דנקרא חציץ הוא משום יוהרא, דמראה בעצמו דאין שום דבר המבלבל כוונתו, משאין כ אחרים אינם יכולין לכוין, ועיין בב"ח ובמגן אברהם, וזה דוקא אחר שנתקן התפלה, ואם כן שפיר הוה חציפות, דאחרים לא יוכלו להתפלל במקום זה, והוא יכול, אבל יצחק תקן תפלה זו כדאמרינן בברכות דף כ"ו ויצא יצחק לשוח בשדה ואין שיחה אלא תפלה ואם כן מאי חציפותא איכא בזה נגד אחרים, וזה ברור** - פירוש: די שואל ומשיב איז מחדש א נייער דערהער פארוואס א מענטש ווערט אנגערופען א 'חציף' ווען ער דאווענט אין א שדה, ווייל א פשוטע מענטש איז זייער שווער צו מכוון זיין די דאווענען אין א שדה וואס איז א מקום פרוץ, משא"כ אין א פלאץ וואס איז ארום געגומען מיט ווענט איז די טבע העולם אז מען קען בעסער מכוון זיין, איז ווען א מענטש גייט אין דאווענט יא אין א שדה, ווייזט ער פאר א יעדעם, אז 'ער' קען יא דאווענען אין א שדה, און ער איז חשוב'ער פון סתם א מענטש וואס קען נישט אינזינען האבן אין א שדה.

לפי זה זאגט די שואל ומשיב, אז די גאנצע טעם איז געבויעט אז עס איז דא מענטשן וואס קענען נישט, און די קענסט יא! אין וועגן דעם הייסט מען א חצוף. לויט דעם, דא ביי יצחק איז נישט געווען שייך בכלל דער טעם, ווייל די גמרא זאגט דאך און ברכות אז יצחק ער האט מתקן געווען דעמאלטס די תפילה פון מנחה, אויב אזוי קומט אויס אז קיין איינער האט נאך דעמאלטס נישט גדאווענט תפילת מנחה, איז נישט געווען שייך צו זאגן אז יצחק מעג נישט דאווענען אין א שדה תפילת מנחה, ווייל עס ווייסט אויף יהורא, אז נאר ער קען מכוון זיין תפילה מנחה אין א שדה און אנדערע מענטשען נישט, וויבאלד קיינער האט דאך נאך נישט גדאווענט תפילת מנחה, ווייל עס איז דאך נאר דעמאלטס מתקן געווארען, וועגן דעם איז ביי יצחק נישט געווען שייך די טעם אז ער מעג נישט דאווענען תפילת מנחה בשדה. הפלא ופלא.

## תירוצו השני של השואל ומשיב על קושית התוספות

די **שואל ומשיב** שרייבט נאך א הפלא'דיג תירוץ אויף די קושיא פון תוספות, וזה לשונו: **וגם כיון דהוא עצמו תקנה, האיך אפשר לחוש שלא יכווין דעתיה, וכמו דאמרו בש"ס** (ברכות כט, א) **שאני שמואל הקטן דהוא תקנה** - פירוש: שטייט אין **גמרא מסכת ברכות** (כח, ב): **תנו רבנן, שמעון הפקולי הסדיר שמונה עשרה ברכות לפני רבן גמליאל על הסדר ביבנה** - רבי שמעון הפקולי האט מסדר געווען די 18 ברכות פון שמונה עשרה פאר רבן גמליאל, **אמר להם רבן גמליאל לחכמים: כלום יש אדם שיודע לתקן ברכת המינים** - האט רבן גמליאל געפרעגט פון די חכמים, צו עס איז דא איינער וואס קען דא מתקן זיין א נייער ברכה קעגן די צדוקים [ברכת ולמלשינים]? **עמד שמואל הקטן ותקנה** - האט שמואל הקטן אויפגעשטאנען און ער האט מתקן די ברכה פון ולמלשינים. פארציילט די ברייתא: **לשנה אחרת שכחה** - שמואל הקטן איז א יאר שפעטער צו געגאנגען צו עמוד און ווען ער איז אנגעקומען צו די ברכה פון ולמלשינים, האט ער פארגעסן די נוסח פון די ברכה, **והשקיף בה שתים ושלש שעות** - און ער האט זיך פראבירט צו דערמאנען דער ברכה פאר אפאר שעה, און עס איז נישט געגאנגען, **ולא העלוהו** - און מען האט נישט אוועק געשוקט שמואל הקטן פונעם עמוד, אפילו ער האט אויסגעלאזט די ברכה פון ולמלשינים.

קומט די גמרא און פרעגט: **אמאי לא העלוהו** - פארוואס האט מען נישט אוועק געשוקט שמואל הקטן פונעם עמוד? **והאמר רב יהודה אמר רב: טעה בכל הברכות כולן, אין מעלין אותו** - א בעל תפילה וואס איז זיך טועה ביי איינער פון די ברכות ביי שמונה עשרה, שוקט מען נישט אוועק פונעם עמוד, **בברכת המינים, מעלין אותו** - אבער אויס איינער איז זיך טועה ביי די ברכה פון ולמלשינים, שוקט מען אים יא אוועק פונהם עמוד, און די טעם איז: **חיישינן שמא מין הוא** - ווייל מען האט מורא אז דער בעל תפילה איז א 'מין' און וועגן דעם האט ער אויסגעלאזט די ברכה פון ולמלשינים. און אויב אזוי ווערט שווער, פארוואס האט מען נישט אוועק געשוקט שמואל הקטן פונעם עמוד, ער האט זיך טועה געווען ביי די ברכה פון ולמלשינים, און די דין איז דאך 'בברכת המינים מעלין אותו?

ענטפערט די גמרא: **שאני שמואל הקטן, דאיהו תקנה** - די טעם פארוואס מען האט נישט אוועק געשוקט שמואל הקטן, איז וויבאלד שמואל הקטן ער האט מתקן געווען די ברכה פון ולמלשינים, וועגן דעם האט מען נישט חושש געווען אז שמואל הקטן איז א מין. עד כאן דברי הגמרא במסכת ברכות.

לפי דער גמרא זאגט די שואל מושיב כפתור ופרח, יצחק אבינו ער האט דאך מתקן געווען דער תפילה וואס ער דאווענען יעצט בשדה, דהיינו די תפילה פון מנחה, איז א פשוטע מענטש וועט טאקע נישט מעגן דאווענען בשדה ווייל עס פעלט פון די 'אימת המלך', און די 'לבו נשבר', אבער ביי יצחק אבינו קען מען דאך זאגן קלאר: 'שאני יצחק אבינו דאיהו תקנה' - יצחק אבינו ער האט דאך מתקן דער תפילה פון מנחה, און אוודאי האט ער געהאט די מעלות פון אימת המלך און לבו נשבר אפילו בשדה.

